# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................4:29
מוצאי שבת קודש............6:00

**שיעורים כסדרן**

נ"ך............................איוב כ"ב
בבלי.......................זבחים קי"ח
ירושלמי......................נזיר ל"ז
תוספתא......................זבים ב'
רמב"ם..........................אבל ג'


פרשת שמות, כ"א טבת, שנת תשפ"ו לפ"ק

שנה 15, גליון 15 (733)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ, דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיט'ן נָאמֶען "יִשְׂרָאֵל", אוּן עֶר זָאגְט "הַבָּאִים" - "זֵיי קוּמֶען", אוּן דֶער פָּסוּק עֶנְדִיגְט מִיט'ן נָאמֶען "יַעֲקֹב", אוּן עֶר זָאגְט "בָּאוּ" - "זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען". דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיט אֵיין לָשׁוֹן, אוּן עֶר עֶנְדִיגְט מִיט אַ צְוֵוייטֶע לָשׁוֹן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רס"א) אַז וֶוען אַ אִיד פַאלְט אַרָאפּ פוּן זַיין עֲבוֹדַת ה', דַארְף עֶר וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט דָאס גֶעמַאכְט אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, נָאר וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן "פוּן יֶעצְט" צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"א) אַז דֶער נָאמֶען "יִשְׂרָאֵל" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה.

דֶערְפַאר הֵייבְּט דֶער פָּסוּק אָן, וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי "יִשְׂרָאֵל" "הַבָּאִים" מִצְרָיְמָה, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֵייסְן "יִשְׂרָאֵל", אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וֵוייסְן אַז זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין קוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, זֵיי פַאלְן כְּסֵדֶר אַרָאפּ, אוּן הֵייבְּן נָאכְאַמָאל אָן פוּן פְרִישׁ, אוּן פַאלְן נָאכְאַמָאל, אוּן הֵייבְּן זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף, אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, וַוייל זֵיי וֵוייסְן אַז אַזוֹי מוּז עֶס גֵיין, אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ.

ווִידֶער זָאגְט דֶער פָּסוּק, אֵת "יַעֲקֹב" אִישׁ וּבֵיתוֹ "בָּאוּ", דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֵייסְן "יַעֲקֹב" אַ קְלֶענֶערֶע מַדְרֵיגָה, בַּיי זֵיי אִיז "בָּאוּ", זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען אוֹיף מִצְרַיִם, וֶוען זֵיי פַאלְן אַרָאפּ, בְּלַייבְּן זֵיי שׁוֹין לִיגְן, אוּן הֵייבְּן זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף, וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז עֶס מוּז אַזוֹי זַיין, אַז מֶען פַאלְט אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן גָארְנִישְׁט, אוֹיבּ מֶען הָאט אַ דוּרְכְפַאל, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמוֹת א)

וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אַז דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וְ'אָדָם אַ'שֶׁר לְ'וֹמֵד הַ'סֵּדֶר שְׁ'נַיִם מִ'קְרָא וְ'אֶחָד תַּ'רְגּוּם בְּ'קוֹל נָ'עִים יָ'שִׁיר יִ'חְיֶה שָׁ'נִים רַ'בּוֹת אַ'רוּכִים לְ'עוֹלָם, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו, אַ מֶענְטְשׁ זָאל יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, וַוייל וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט לֶעבְּן לַאנְגֶע יָארְן.

דַארְף מֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, וִוי קוּמְט עֶס אַרַיין אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, פַארְוָואס הָאט דִי תּוֹרָה פוּנְקְט דָא מְרַמֵּז גֶעוֶוען, אַז מֶען דַארְף מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ט) אַז מִיט'ן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, פַארְרֶעכְט מֶען דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן וִוי בַּאקַאנְט זֶענֶען דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִ"ים סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, דֶערְפַאר וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, וָואס דַאן הֵייבְּן זִיךְ אָן דִי שׁוֹבָבִ"ים טֶעג, אִיז דִי תּוֹרָה מְרַמֵּז אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמוֹת ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף

אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר וִוי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁקְלַאפְט פַאר פַּרְעֹה, גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער, דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען בִּיטֶערֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זֵיי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן מִצְרַיִם, אוֹיסְלֵייזְן פוּן דֶעם שְׁוֶוערְן גָלוּת, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי שְׁנֶעל, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה זָאגְן עֶר זָאל אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם אוּן פַּרְעֹה הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה אוּן פַּרְעֹה הָאט נָאכְאַמָאל נִישְׁט גֶעוָואלְט, אַזוֹי הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט עֶטְלִיכֶע מָאל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט פַּרְעֹה.

דָאס אִיז אַ מִלְחָמָה וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן, אֵיינְמָאל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ בַּיי פַּרְעֹה אוּן אֵיינְמָאל אִיז עֶר בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אָט בִּין אִיךְ בַּיי פַּרְעֹה אוּן אָט בִּין אִיךְ בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פוּן זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ה'), אוּן דָאס אִיז שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר, עֶר הָאט דַאן גֶעוואוֹינְט נֶעבְּן זַיין שְׁוֶוער רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ"ל אִינֶעם דֶערְפְל הוּסְיַאטִין, דָארְט הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אִינְדְרוֹיסְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי'נְס שְׁוֶוער, הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דֶער

<<<<<<

### א גוט ווארט

טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, בְּלַייבּ שְׁטַארְק, קוּם צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט וִוי מֶען וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, וַוייל תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל טוּן אָן אַ שִׁיעוּר עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ קֶערְט עֶר זִיךְ צוּרִיק, עֶר זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן", דֶעמָאלְט אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל; וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ ווִילְסְט פַארְרֶעכְטְן דַיינֶע מַעֲשִׂים, דוּ ווִילְסְט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ"ו)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# גֶעדֶענְק צוּ נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי אוֹצְרוֹת וָואס מִיר הָאבְּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵק זַיין, הֱיוֹת מִיר זֶענֶען הַיינְט אַרַיין אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, דֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, תִּיקוּן כז) אַז דִי טֶעג זֶענֶען זֵייעֶר מְסוּגָל תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן; זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִים, רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם זָאגְן יֶעדְן טָאג צְוֵויי מָאל דֶעם יוֹם תְּהִלִים, וַוייל תְּהִלִים אִיז מְסוּגָל פַאר תְּשׁוּבָה.

שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן. בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג), וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה; עֶרְשְׁטְנְ'ס, נִישְׁט אַלֶץ הָאט מֶען אַ גֶעפִיל פַאר תְּשׁוּבָה, צְוֵוייטְנְ'ס אֲפִילוּ מֶען הָאט דִי גֶעפִיל וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי גֶעפִיל, אוּן אַז מֶען וֵוייסְט שׁוֹין יָא, דַארְף מֶען אַסַאךְ חִיזוּק נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן וֶוען מֶען זֶעט ווִי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל צַייט וָואס מֶען ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן מֶען הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אָבֶּער דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִים, אִיז מֶען זוֹכֶה סֵיי צוּ בַּאקוּמֶען דִי גֶעפִיל אוּן ווִיסְן וָואס מֶען הָאט צוּטוּן, אוּן אוֹיךְ צוּ הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט נִישְׁט צוּרִיק צוּ פַאלְן.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט שַׁבָּת אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, טוּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף קַיין גֶעפִיל; אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער אוּן עֶר גֶעבְּט אַ מֶעדֶעצִין מֶען זָאל דָאס נֶעמֶען יֶעדְן טָאג, וֶועט מֶען דָאס טוּן, אָפְּגֶעזֶען אוֹיב מֶען הָאט יָא אַ גֶעפִיל אָדֶער נִישְׁט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט אָדֶער מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, מֶען וֶועט טוּן וָואס דֶער רוֹפֵא זָאגְט, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז ווִי אַזוֹי מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה אוּן טוּן דִי עֵצוֹת, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"ו)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

רֶבִּי דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט חֲבֵרִים אוּן גְלִיטְשְׁט זִיךְ אִין דִי שְׁנֵיי, אָבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶונְט. רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז דֶער עִיקָר עֲבוֹדָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען פְּשׁוּטֶערְהֵייט, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת; זַיין דַאוֶונֶען אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי אַ קִינְד דַאוֶונְט, אִינֶעוֵוייניג אִין אַ סִידוּר, אָן חָכְמוֹת, אָן דְרֵיידְלֶעךְ, אוֹיךְ זַיין לֶערְנֶען אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פָּשׁוּט. אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, מַמָּשׁ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט פַאר יֶעדֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַ לַאנְגֶע צַייט.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אַמָאל אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר גוּטֶע קַבָּלוֹת, מֶען הֵייבְּט אָן אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר, מֶען הֵייבְּט אָן דַאוֶונֶען, מֶען הֵייבְּט אָן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מִדָּה, אוֹיף יֶענֶע מִדָּה, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, וֶוען מֶען זֶעט אָבֶּער ווִי דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן זִיךְ אַז קַיין שׁוּם עֲבוֹדָה אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג, יֶעדֶע זַאךְ אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אִיז דָאס מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק פַאר אוּנְז, זֶעעֶנְדִיג ווִי פַאר יֶעדְן קוּמְט עֶס אָן שְׁוֶוער, אֲפִילוּ פַאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עֲלִיוֹת וִירִידוֹת. דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת; מֶען טְרַאכְט אֵייבִּיג, 'דֶער צַדִיק אִיז אַ צַדִיק וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן קַיין נִסְיוֹנוֹת, עֶס קוּמְט אִים אַלֶעס אָן גְרִינְג, אִיךְ קֶען אָבֶּער נִישְׁט זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין פַאלְן', דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט רִיכְטִיג, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט, טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עֲלִיוֹת וִירִידוֹת.

גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ פָאר אַ נֵייעֶ קַבָּלָה, אוּן הֵייבְּט עֶס אָן צוּ טוּן, עֶר פַאלְט אַרָאפּ אֵיין מָאל, עֶר פַאלְט אַרָאפּ נָאכְאַמָאל, עֶר פַאלְט אַרָאפּ אַ דְרִיטֶע מָאל, מַאכְט עֶר אָפּ, "שׁוֹין, גֶענוּג גֶעוֶוען, אִיךְ הָאב שׁוֹין פְּרוּבִּירְט, אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט!", אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיב אֵיינֶער קֶען זָאגְן אוֹיף זִיךְ "אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶעמַאכְט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער קַבָּלוֹת, אִיךְ הָאב שׁוֹין צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מָאל גֶעוָואלְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", קֶען זַיין הָאסְט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צְוֵויי מָאל, דְרֵיי מָאל, צֶען מָאל, צְוָואנְצִיג מָאל, הוּנְדֶערְט מָאל, מֶערְסְטְנְס טוֹיזְנְט מָאל, אָבֶּער נָאךְ טוֹיזְנְט מָאל פְּרוּבִּירְן אוּן דוּ פַאלְסְט נָאכְאַלֶץ אַרָאפּ, דַאן הֵייבְּסְטוּ שׁוֹין אוֹיף דִי הַאנְט, "אִיךְ גֶעבּ אוֹיף, עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אָבֶּער: "אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד 'צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מָאל', אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט מַיין ווִילְן!"

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיין שִׁיעוּר? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיין דַאוֶונֶען? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיינֶע גוּטֶע קַבָּלוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אָנְהֵייבּ יָאר צוּ טוּן דָאס יָאר? רוֹב מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שׁוֹין אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע קַבָּלוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אָנְהֵייבּ יָאר צוּם נֵייעֶם יָאר, פַארְוָואס? וַוייל עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט הָאסְטוּ אוֹיפְגֶעגֶעבְּן? עֶס גֵייט נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם; פַאר'ן רֶבִּי'ן אִיז עֶס אוֹיךְ נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ עֶס זָאל גֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ אַסַאךְ מְחַזֵק זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֲפִילוּ וֶוען מִיר שְׁפִּירְן זִיךְ פַארְשְׁקְלַאפְּט פַאר פַּרְעֹה, פַארְקְנֶעכְטֶעט צוּם יֵצֶר הָרָע, דַארְפְן מִיר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל לוֹיפְן צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר וֶועט אוּנְז מְחַזֵק זַיין אַלֶץ אָנְצוּהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִיפִיל מֶען מֶען אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן, אוּן בַּיים סוֹף וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, שְׁמוֹת תשפ"ב)

# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רלה)

אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דִי תּוֹרוֹת וָואס זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן מִיט זַיין אֵייגֶענֶעם הֵיילִיגְן לָשׁוֹן, זֶענֶען זֵייעֶר מְסוּגָל, עֶס אִיז נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע כְּלָלִיוּת.

**תשפו**

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אוּן אִיז אַרוֹיס צוּ דִי גַאס, אִיז דֶעמָאלְט אֵיינְמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דֶער רָב פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַהֲרֹן זַ"ל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַבִּיסְל פָארְגֶעהַאלְטְן אוּן גֶעפְרֶעגְט, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען מַיין סֵפֶר אוּן מְעַיֵּין זַיין גוּט דֶערִין, בִּיז עֶס וֶועט עֶר אוֹיפְשְׁוִּימֶען עֶפֶּעס אַ קַשְׁיָא, אוּן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ וַוייטֶער מְעַיֵּין זַיין בִּיז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין דֶעם תֵּירוּץ אוֹיף דַיין קַשְׁיָא?"

נָאכְ'ן הֶערְן דִי רֵייד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז דֶער רָב אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶעעֶפְנְט אַ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אוּן מְעַיֵּין זַיין, בִּיז עֶס אִיז אִים טַאקֶע אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אַ קַשְׁיָא, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט אוּן מְעַיֵּין גֶעוֶוען בִּיז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט דֶעם תֵּירוּץ צוּ פַארֶענְטְפֶערְן דִי קַשְׁיָא.

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעזָאגְט דִי קַשְׁיָא מִיטְ'ן תֵּירוּץ, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֵוייס פוּן אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן זוֹהַר, נִישְׁט מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר צוּגֶעטְרָאפְן צוּם אֱמֶת".

**תשפז**

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן מְעַיֵּין זַיין אִין זַיינֶע תּוֹרוֹת, אוּן זֶען צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין עֶפֶּעס אִין דֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, "אוֹיבּ וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּצוּטְרֶעפְן צוּ מַיין אֱמֶת'עֶ כַּוָּונָה אִין דִי תּוֹרָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט; אֲפִילוּ אוֹיבּ אָבֶּער וֶועסְטוּ נִישְׁט צוּטְרֶעפְן צוּ דִי רִיכְטִיגֶע פְּשַׁט, אִיז אוֹיךְ גוּט. וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה מְחַדֵּשׁ צוּ זַיין עֶפֶּעס אִין דִי תּוֹרָה, אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶער תִּיקוּן פַאר שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט, וַוייל אַלֶע מַחְשָׁבוֹת קוּמְט דָאךְ דוּרְכְ'ן 'כֹּחַ הַמְדַמֶּה', אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ עֶפֶּעס אִין דִי תּוֹרָה, וָואס דָאס אִיז דָאךְ אַז מֶען פַארְגְלַייכְט, מֶען אִיז מְדַמֶּה, אֵיין זַאךְ צוּם אַנְדֶערְן, דוּרְךְ דֶעם פַארֶערְכְט מֶען דִי פְּגַם וָואס מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וָואס קוּמְט פוּן דֶעם מְדַמֶּה".

פַאר רֶבִּי נָתָן הָאט דֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעזָאגְט אַז דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ אִין זַיינֶע תּוֹרוֹת, אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער גְרוֹיסֶער תִּיקוּן אוֹיפְ'ן עָבַר.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ נָאר אֵיין דִיבּוּר וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה מְחַדֵּשׁ צוּ זַיין, אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט, וַוייל עֶס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער תִּיקוּן.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען שׁוֹין נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן.

**תשפח**

וֶוען עֶס אִיז דֶעמָאלְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶעם לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט שְׁטַארְק פוּן לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר, אוּן סְפֶּעצְיֶעל פוּן מְחַדֵּשׁ זַיין עֶפֶּעס אִינֶעם סֵפֶר, אִיז גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְט אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעזָאגְט זַיין חִידוּשׁ וָואס עֶר הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אִינֶעם סֵפֶר, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן אִים גֶעזָאגְט, "אִיר מֶעגְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר וִוי אַזוֹי אִיר ווִילְט, נָאר פוּן אֵיין סָעִיף קָטָן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי הֶעלְפְן דָאס קִינְד מַצְלִיחַ זַיין?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ, אִיךְ לֶערְן זִיךְ אַסַאךְ פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה דֶערְפוּן.

מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן מִיט עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אִין חִינוּךְ.

א. אוּנְזֶער פִינְף יֶערִיגֶע טָאכְטֶער אִיז זֵייעֶר נִישְׁט קַיין צוּפְרִידֶענֶע, זִי אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס זִי הָאט, אוּן אַלְץ הָאט זִי טַעֲנוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אַז יֶענֶער בַּאקוּמְט מֶער, אַלְץ מוּז מֶען אִיר צוּגֶעבְּן נָאךְ אַבִּיסְל פוּן וָואס מֶען טֵיילְט; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אִיר אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס זִי הָאט?

ב. אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַ גוּטֶע קֶשֶׁר מִיט דִי טָאכְטֶער, זִי הָאט אֲפִילוּ גֶעזָאגְט אַמָאל פַאר מַיין מַאן אַז מַאמִי פַארְשְׁטֵייט אִיר נִישְׁט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס מַאכְט מִיר אַסַאךְ שׁוּלְד גֶעפִילְן, אוּן דָאס מַאכְט אַז אִיךְ זָאל אִיר לָאזְן טוּן אַסַאךְ זַאכְן מֶער וִוי אַנְדֶערֶע.

ג. אוֹיךְ זָאגְט זִי אַסַאךְ לִיגְנְט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר הֶעלְפְן מִיט דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַז עֶס וֶועט פַארְטְרַאכְטְן וֶוערְן דִי צְוֵוייטֶע פְּרָאבְּלֶעם – וֶועט דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹיךְ פַארְטְרַאכְטְן וֶוערְן; קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט אַ גוּטֶע מַאמֶע, דָאס זִיךְ אַרָאפְּקְלַאפְּן אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, דָאס נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן – דָאס מַאכְט דִי קִינְד זָאל נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן אוּן נִישְׁט זַיין רוּאִיג מִיט זִיךְ.

קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבּוֹירְן מִיט מִידוֹת וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן זֵיי הֶעלְפְן דָאס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע זַאכְן וָואס דַארְף וֶוערְן פַארְטְרַאכְטְן אוּן וֶוען מֶען אִיז יוּנְג אִיז עֶס גְרִינְגֶער אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן, עֶלְטֶערְן דַארְפְן הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִידוֹת.

אַז דָאס קִינְד הָאט טַעֲנוֹת פַארְוָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער וְכוּ', זָאגְט מֶען פַארְן קִינְד: "עֶס אִיז נִישְׁט גוּט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן דוּרְכְדֶעם וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט יָא אָדֶער נִישְׁט", מֶען רֶעדְט צוּם קִינְד פוּן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס, פוּן דַאנְקֶען אוֹיף וָואס מֶען הָאט יָא.

אוֹיךְ דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף בֶּעטְן פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

<<<<<<

דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער - זֶעקְס זִין אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל, וּמִשְׁתַּטֵּחַ, וּמִתְחַנֵּן, וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים, וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; "אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם, לֹא נִכְנַס אִתּוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְּרֵייליךְ, וַוייל מֶען קֶען נָאר מַצְלִיחַ זַיין מִיט קִינְדֶער אוֹיבּ מֶען אִיז פְּרֵייליךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב, סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", דֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵייליךְ אִיז שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ; קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ אַ פְּרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ, אַ פְּרֵיילִיכֶע מַאמֶע, אַ פְּרֵיילִיכֶע מַצָּב; זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג צוּ זַיין פְּרֵייליךְ.

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג:

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְּרֵייליךְ, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר מַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְּרֵייליךְ אַז אִיךְ זָאל פְּרֵייליךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער אַרוּם מִיר זָאל זַיין פְּרֵייליךְ.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט מִיט הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר קַיין אֵיין רֶגַע. אִיךְ זָאל נִישְׁט קֵיינֶעם חַנְפֶע'נֶען אוּן נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם מוֹרָא הָאבְּן; בִּזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, אָמֵן".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"ו)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# א פרישקייט אין מעביר סדרה זיין

איבעראל אין כלל ישראל רעדט מען ארום די וואך פרשת שמות - דער אנהויב פון די הייליגע שובבי"ם טעג - איבער דעם חיוב פון "מעביר סדרה" זיין די פרשה יעדע וואך. אלע ברענגען צו דעם בעל הטורים וואס שרייבט אז דאס איז מרומז אין די ווערטער "ואלה שמות בני ישראל" וואס איז ראשי תיבות "ו'אדם א'שר ל'ומד ה'סדר ש'נים מ'קרא ו'אחד ת'רגום, ב'קול נ'עים י'שיר, י'חיה ש'נים ר'בות א'רוכים ל'עולם".

מלמדים און מגידים ווארעמען אן איבער דער גרויסער מצוה, און איבער דעם שכר דערויף וואס חז"ל זאגן (ברכות ח.): "אמר רב הונא בר יהודה אמר רבי אמי: לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הציבור שנים מקרא ואחד תרגום, שכל המשלים פרשיותיו עם הציבור מאריכין לו ימיו ושנותיו", ווער עס איז מעביר סדרה יעדע וואך, וועט האבן אריכות ימים ושנים.

יעדער וויל עס טון, סיי אלס מקיים צו זיין די מצוה פון מעביר סדרה זיין, און סיי אלס די געוואלדיגע סגולות וואס עס ברענגט מיט זיך, פאר לאנגע געזונטע יארן; נישט יעדער איז אבער זוכה דאס מקיים צו זיין, און די סיבה דערצו איז ווייל מען עס וויל עס טון דוקא פרייטאג נאכמיטאג, אזוי ווי דער אר"י הקדוש האט געזאגט, און דאס איז א צייט וואס איז זייער שווער פאר אסאך מענטשן דאס צו טון.

אין שולחן ערוך ווערט גע'פסק'נט (אורח חיים, סימן רפ"ה, סעיף ג') "מיום ראשון ואילך חשוב עם הציבור", פון זונטאג קען מען שוין אנהויבן מעביר סדרה זיין. און דער משנה ברורה ברענגט אראפ (שם, סעיף קטן ח') פונעם הייליגן ווילנער גאון זכר צדיק לברכה, אז ער האט זיך אזוי געפירט, יעדן טאג האט ער מעביר סדרה געווען אביסל; זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, דינסטאג ביז רביעי און אזוי ווייטער.

מוהרא"ש פלעגט זייער אסאך רעדן פון דעם, אז יעדער איד קען אויך זוכה זיין צו די גרויסע מצוה פון מעביר סדרה זיין יעדע וואך, און צו די סגולות וואס ליגט אין דעם, דורכ'ן אראפנעמען יעדן טאג ממש נאר אפאר מינוט, און דורכגיין צוביסלעך די פרשה, יעדן טאג אביסל, ביז ווען עס קומט פרייטאג האט מען שוין זוכה געווען צו פארענדיגן די גאנצע פרשה.

פילע ישיבות האבן זיך צוגעכאפט צו דעם געדאנק, איינגעפירט אז יעדן טאג זאלן די בחורים מעביר סדרה זיין א חלק פון די פרשה, און מען זעט באלד די גינסטיגע רעזולטאטן אז די בחורים גewואוינען זיך איין צו מעביר סדרה זיין יעדע וואך די פרשה מיט געשמאק, און אויף א וועג וואס סיי יעצט קענען זיי דאס גרינג מקיים זיין, און סיי אז דער וועג וועט זיי העלפן דאס אנצוהאלטן אויף זייער גאנץ לעבן, אפילו ווען זיי וועלן זיין מער פארנומען.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אליעזר ברכה** הי"ו ביתר
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **צבי מענדלאוויטש** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***
מו"ה **אברהם ראטמאן** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די אפשערן פון זיין זון יואל נ"י למזל טוב**

## ס'קומט שובבי"ם

**א שיינעם אריינפיר צו די הייליגע שובבי"ם טעג, וואס מיינט עס פאר מיר? ווי אזוי נוצט מען אויס די טעג צו פארערכטן אלעס?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 11, 10**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >